NEW YORK STATE | Office for People With Developmental Disabilities

קעטי האקול
גאווערנאר

**WILLOW BAER**
קאמישאנער

טייערע עלטערן/גארדיען:

הויעך שולע איז א צייט מיט פיל עקסטאז פאר סטודענטן וויבאלד זיי הייבן אן צו מאכן פלענער פאר זייער צוקונפט. אלס די עלטערן פון א סטודענט אין די יאגאנג פון הויעך שולע, שפילט איר א וויכטיגע ראלע אין העלפן אייער קינד זיך צוגרייטן פאר די צוקונפט.

אריבערגאנג פלאנירונג איז די פראצעדור וואס שולעס נוצן צו העלפן סטודענטן מיט דיסאביליטיס און זייער פאמיליעס פלאנירן פאר זייער צוקונפט נאך הויעך שולע. שולע סערוויסעס זענען אוועילעבל פאר אייער קינד ביז זיי גראדואירן מיט א רידזשענטס אדער לאקאלע דיפלאמע אדער זייער צוטריט צו אן אומזיסטע פאסיגע פובליק עדיוקעישאן ענדיגט זיך אין די יאר וואס זיי ווערן 22. מיר מוטיגן אייך און אייער קינד צו אויסנוצן די סערוויסעס.

איר און אייער קינד האבן די געלעגנהייט צו שמועסן וועגן אריבערגאנג פלאנירונג ביי אלע קאמיטעט פאר ספעציעלע עדיוקעישאן (Committee on Special Education, CSE) זיצונגען. די שמועס קען אריינגעמען פלענער פאר עדיוקעישאן און טרענירונג נאך הויעך שולע זיך צו צוגרייטן פאר א דזשאב אדער קאריערע; ערוואקסענע ווייטערדיגע עדיוקעישאן אדער אנדערע עדיוקעישאן פראגראמען; זיין אקטיוו אין די קאמיוניטי; באקומען און אנהאלטן א דזשאב; לעבן זעלבסטשטענדיג; און\אדער אנדערע ערוואקסענע סערוויסעס. אייער קינד'ס אריבערגאנג פלאן זאל אריינגיין אין קראפט ביז ער ווערט 15 יאר אלט, אבער עס קען זיך אויך אנהייבן פריער. די פלאנירונג פראצעדור איז די מערסטע ערפאלגרייך ווען עס נעמט אריין סיי אייך און אייער קינד.

אויב אייער קינד האט א דעוועלאפמענטאל דיסאביליטי, א שטייגער ווי דאון'ס סינדראם, סערעבראל פאלסי, אוטיזם ספעקטרום דיסארדער אדער א צווייטע אינטעלעקטועלע אדער דעוועלאפמענטאל דיסאביליטי, איז כדי פאר אייך צו לערנען וועגן די סערוויסעס וואס ווערן צוגעשטעלט דורך די ניו יארק סטעיט אפיס פאר מענטשן מיט דעוועלאפמענטאל דיסאביליטיס ( Office for People With Developmental Disabilities, OPWDD). OPWDD שטעלט צו אסאך סערוויסעס, אריינגערעכנט הילף אינדערהיים, סערוויסעס אין די קאמיוניטי און עמפלוימענט טרענירונג צו העלפן א סטודענט מיט דעוועלאפמענטאל דיסאביליטי אריבערגיין מיט ערפאלג פון שולע צו די ערוואקסענע לעבן. סטודענטן און זייערע פאמיליעס מוזן זיך איינגעבן צו באקומען די הילף און דארפן זיך אויך איינגעבן פאר Medicaid אויב עס איז פארלאנגט דורך די סערוויסעס וואס זיי ווילן.

צו לערנען מער וועגן OPWDD בארעכטיגונג און סערוויסעס, קענט איר און אייער קינד קוקן די OPWDD Front Door ווידעאס אויף https://opwdd.ny.gov/get-started. פאר מער אינפארמאציע און צו באקומען א קאפיע פון די *צוטריט צו סערוויסעס* וועג-ווייזער פאר אינדיווידועלן און פאמיליעס, גייט צו http://www.opwdd.ny.gov/get-started. סטודענטן וואס האבן שוין OPWDD בארעכטיגונג און זענען פארבינדן צו א קעיר קאארדינאציע ארגאניזאציע (Care Coordination Organization, CCO) זאלן זיך פארבינדן מיט זייער קעיר מענעדזשער אז זיי זאלן זיי העלפן בעטן ערוואקסענע סערוויסעס.

אויב איר טראכט אז אייער קינד'ס צוקונפט קען מעגליך אריינגעמען הילף און סערוויסעס וואס ווערן צוגעשטעלט דורך OPWDD, איז זייער וויכטיג אז איר זאלט זיך פארבינדן מיט אונז ווי פריער מעגליך. אויב איר ווילט אז די שולע דיסטריקט זאל איינלאדענען אן OPWDD פארטרעטער צו אנטיילנעמען אין אריבערגאנג פלאנירונג פאר אייער קינד, זענען אונזער שטאב צופרידן צו זיך אנשליסן און העלפן מיט פלאנירונג. בעט פון אייער שולע צו איינלאדענען אן OPWDD פארטרעטער. איר וועט אויך דארפן אונטערשרייבן א צושטימונג צו מיטטיילן עדיוקעישאנעל און געזונטהייט רעקארדס מיט אונז אז מיר זאלן קענען העלפן. די צושטימונג ווערט פארלאנגט דורך פעדעראלע און ניו יארק סטעיט רעגולאציעס.

מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט אייך און אייער פאמיליע אויף אריבערגאנג פלאנירונג פאר פאסיגע סערוויסעס און אן ערפאלגרייכע צוקונפט פאר אייער קינד. אויב האט איר סיי וועלכע פראגעס וועגן OPWDD, ביטע פארבינדט זיך מיט אייער לאקאלע ראאינישע פעלד אפיס (Regional Field Office, RFO). איר קענט טרעפן אייער ראאינישע קאנטאקט אינפארמאציע דורך רופן אונזער אינפארמאציע-ליניע ליניע אויף **866-946-9733** אדער דורך אונז שיקן אן אימעיל צו info@opwdd.ny.gov.

מיט אכט,

Willow Baer
קאמישאנער

איבערגעמאכט 12/22/2025